פרשת וישלח
תשפב
יאר 2 גליון 31




## עלסטע קלאס וויליאמסבורג– ריקי פארקאש

איך האב געוואלט קויפן א קלייד אבער סאיז געווען זייער טייער. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז סזאל נישט קאסטן מער ווי $15 און שכח אייבערשטער אז ס'האט געקאסט $15



## עלסטע קלאס שטעטל– בלומי זאבעל

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין אין בית פיגא סקול און שכח אייבערשטער איך בין אין בית פיגא סקול!

## פיפטע קלאס שטעטל– חי'לע לעזער

איך האב געמאכט א טעות ביי מיין crocheting איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען זייער שיין און שכח אייבערשטער אז ס'איז אויסגעקומען זייער שיין!



## פיפטע קלאס וויליאמסבורג– לאה פייגי בלום

איך האב זיך זייער שטארק אפגעבריט פון א הייסע בעקעלע. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל זיך שוין אויסהיילן און שכח אייבערשטער אז ס'איז שוין אינגאנצן אויסגעהיילט!



## דריטע קלאס וויליאמסבורג– פייגי אינדיג

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין האבן 10 סטיקערס, שכח אייבערשטער אז איך האב שוין 10!



## דריטע קלאס שטעטל– רחל לאה וויינבערג

שוין פאר א לאנגע צייט בעט איך די אייבערשטער אז אונז זאל שוין מופן און שכח אייבערשטער אונז גייען שוין מופן!



ערשטע קלאס שטעטל– אדי שטיינבערג

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן מיט וועם צו שפילן, און שכח אייבערשטער אז איך האב א חבר'טע!



פרי 1–א שטעטל– רבקה'לע יאקאבאוויטש

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז אונז זאלן שוין מאכן א סיום און שכח אייבערשטער אז די וואך מיטוואך האבן אונז געמאכט אונזער א–ב סיום!



# מעשה פון א צדיק

## אין א טיפע וואלד אן קיין עסן און טרינקען... וואס טוט מען דא?

די הייליגע בעל שם טוב איז געווען אין א וואלד מיט זיין תלמיד. זיי האבן געמאכט התבודדות און אסאך גערעדט פון די אייבערשטער און אמונה. נאך אפאר שעה איז די תלמיד געווארן זייער דארשטיג, זיין מויל איז געווען אינגאנצן טרוקן. די תלמיד האט געזאגט פאר די בעל שם טוב אז ער פילט ווי ער גייט אויס און ער מוז האבן וואסער. די הייליגע בעל שם טוב האט אים געפרעגט "דו האסט אמונה אין די אייבערשטער?" האט די תלמיד געזאגט "זיכער".האט אים די בעל שם טוב געפרעגט "דו גלייבסט אז די אייבערשטער האט דיר שוין אנגעגרייט וואסער פון פאר דו ביסט אפילו געווען דארשטיג?"די תלמיד האט געטראכט און ער האט געזאגט "יא, איך גלייב אז דא אין די טיפע וואלד גיי איך באקומען וואסער!" גלייך נאכדעם איז א גוי אדורך מיט צוויי ריזיגע אמפערס וואסער. די תלמיד איז גלייך צוגעלאפן צום גוי און אים געפרעגט אויב ער מעג האבן וואסער, די גוי האט געזאגט "זיכער" און אים געגעבן פון די וואסער. די תלמיד האט זיך מחי' געווען. די בעל שם טוב האט געפרעגט די גוי "וואס טוסטו דא אין די טיפע וואלד?" די גוי האט געזאגט אז זיין פריץ איז אראפ פון זינען און אים געהייסן



*געשריבן דורך: פייגעלע יאקאבאוויטש*

# נייעס אין בית פיגא

שטעטל:

פרי 1-א איז שוין אזוי גרויס! שכח אייבערשטער אז די וואך איז געווען אונזער מעכטיגע א-ב סיום!

פרישטאג און לאנטש

# מיר לערנען זיך פון
# "עצתו אמונה"




## ריינע מחשבות

איך האב יעצט געליינט אין קלאס
א מעשה: ריינע מחשבות. די
הייליגע רבי לערנט אונז אויס צו
טראכטן נאר גוט. און אויב מען
טראכט נאר גוט איז מען זוכה
צו ווערן א צדיקות!

געשריבן דורך: נעכא רוסמאן

## No Mixer Chocolate Cake

**Ingredients:**

**4 Eggs**

**2 cups Sugar**

**1 cup Oil**

**1 tsp. Vanilla Sugar**

**1 tsp Baking Soda**

**2 cups Flour**

**¾ cup water**

**½ cup Orange juice**

**Directions:**

**Mix in a 9x13. Bake on 350 for 45 minutes- 1 hour**



געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען גוט!

## מזל טוב:



פריידי
פעלדמאן
(יאקאבאוויטש)
צו איר חתונה!

~~~~~~~

מרת מייזעלס
צו איר נייע
אינגל בעיבי!
~~~~~~~

# פון אונזערע לערערינס...

טייערע ... תחי',

יום ד' ויצא תשע"ט

איך האב זייער הנאה צו ליינען דיינע notes. דו שרייבסט זייער שיין! ספעציעל דיינע הלבות זענען זייער קלאר און שיין אראפגעשריבן ווי אויך דיינע פרשה notes זענען הערליך געשריבן. האלט ווייטער אן צו שרייבן שיינע זאכן פון יעדע טיטשער און פרוביר עס צו ארגאנאזירן לויט די subjects כדי אלע notes פון די לימוד זאלן זיין אויף איין פלאץ.

איך האב זייער הנאה פון דיין דאווענען! ס'איז הערליך, יעדן איינציגן טאג. די אנדערע טיטשערס זאגן אויך אז זיי קענען זיך נישט פארשטעלן וויאזוי די דאווענען וואלט אויסגעזעהן אן דיך! יישר כח פאר דיין שיינע בריוו. קענסט שרייבן בסדר און איך וועל פרובירן צוריקצושרייבן. איך הער פון די טיטשערס אז דו פירסט זיך מיט דרך ארץ נישט נאר ווען איך בין דא. האלט עס ווייטער אן, וויל ביי די רבי איז די ערשטע זאך דרך ארץ.

מיט ליבשאפט,

מרת לעזער

# פון דער ראש ישיבה שליט"א...

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**איר קענט זאגן תהילים ביינאכט. מוהרא"ש ברענגט פונעם ספר אשל אברהם פון הרב הקדוש מבוטשאטש זכרונו לברכה (אורח חיים סימן רלח, סעיף ב) וואס ער פסק'נט אז תהילים מעג מען זאגן ביינאכט אויך, ווייל מען זאגט דאס צו מתפלל זיין און צו דאנקען דעם אייבערשטן.**

**פירט זיך אויף מיט דרך ארץ צו אייערע טיטשערס, דאס איז די גרעסטע הפצה; ווייל אלע וויסן אז איר זענט א ברסלב'ע מיידל, אלע ווייסן אז איר און אייערע עלטערן זענען תלמידי היכל הקודש, און ווען מען זעט ווי א תלמידה היכל הקודש פירט זיך מיט דרך ארץ - ווערט פארשטאפט די מויל פון אלע מתנגדים, מען האט נישט וואס צו רעדן מער קעגן היכל הקודש; דאס איז די גרעסטע הפצה.**

**דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים .**